NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12522

# YINGL TSINGL KHVAT

## Mani-leib

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אינגל צינגל
# כוואַט

# אינגעל צינגעל
# כוואַט



כ'האָב א מעשה'לע אַ שעהנע,
פאַר די קינדער מיינע קליינע.
זייט זשע קינדער שטיל און שאַ,
ס'איז מיין מעשה'לע אזוי: —

ערגעץ ווייט, ווייט, ווייט פון דאַנען,
צוצוקומען ניט מיט באַהנען,
ניט מיט שיפען, ניט מיט פערד —
ערגעץ אויף אַ ווייטער ערד

האָט אַ מאָל זיך דאָרט געפונען.
און אין טאָל איז דורכגערונען,
ווי אַ שנירעל ווייט און גלייך,
ווייט און גלייך אַ קליינער טייך.

## אינגעל צינגעל כוואַט

און ביים טייך, פוןביידע ברעגען,
זיינען שטיבער פיעל געלעגען.
שטיבער, גאַסען און אַ מאַרק,
און ביים זייט פון מאַרק אַ באַרג.

און די גוים און די אידען
האָבען דאָרט געלעבט צופריעדען;
ווער אין פרייד און ווער אין נויט,
יעדער האָט געהאַט זיין ברויט.

האָט זיך איינמאָל דאָרט געטראָפען
אַז דער זומער איז אַנטלאָפען.
נו, איז וואָס איז דאָ דער שרעק,
אַז דער זומער לויפט אַוועק? —

נאָכ'ן זומער קומט דער ווינטער,
קומט דער ווינטער און באַשפּינט ער
שטיבער, באַרג און מאַרק און פּלויט
אין אַ שנייאיג ווייסען קלייד.

## אינגעל צינגעל כוואַט

ווייס און ליכטיג א פארשנייטער
און אַ ווייטער און א ברייטער
שטעהט אַזוי דער ווייטער וועג,
ביז די לינדע פסח־טעג.

גוים קומען זיך צופאָהרען,
פיהרען פולע שליטענס קאָרען,
גענז און האָלץ און שטרוי, און חיי,
אָנגעלאָדען אַט אַזוי.

אידען שמאַיען אום און לויפען,
דינגען, קויפען און פאַרקויפען;
יעדען אידען'ס פנים שיינט:
ס'אַרא מאַרק אַביסעל היינט!

חברה לויפען אויף די גליטשען,
מאַכען קונצען, הילכען, קוויטשען,
און דער אייז איז בלוי און ווייך,
ווי דער הימעל אין דער חויך.

## אינגעל צינגעל כוואט

שקצים אין די גרויסע היטלעך
פליהען באַרג אַראָפּ אויף שליטלעך,
מיט אַ פייף און אַ געשריי,
קוליע, קוליע, און אין שניי!

אינגלעך ראַיען זיך און שלעפּען,
קייקלען קלעצער שניי און קלעפּען
פּעטער שנייער'ס גוט און וואויל,
מיט אַ נאָז און מיט אַ מויל.

שטעהט אַ אינגעל ביי דעם טויער,
רייבט דעם אויער: פּעטער שנייער,
זאָלסט אַזוי ביז פּסח שטעהן,
ביז מען דאַרף אין חדר געהן.

אָבער דאָס איז פאַרגעקומען,
אַז דער ווינטער איז געקומען
נאָס און פינסטער, ווי אַ גרוב,
כאָטש ניט געה אַרויס פון שטוב.



פּעטער שניוער'ס גוט און וואויל, מיט אַ נאָז און מיט אַ מויל.

## אינגעל צינגעל כוואט

און אַ רעגען האָט געגאָסען,
ניט ווי ווינטער, נאָר ווי אַסיען,
און קיין שניי איז ניט צו זעהן,
ווייל קיין שניי איז ניט געווען.

בלאָטיג איז אין מארק געוואָרען,
ניט צו געהן און ניט צו פאָהרען;
געהן און פאָהרען — וואו און ווי,
אז ס'איז בלאָטע ביז די קניע.

ווערט אַ גוי אין מארק פארטראָגען,
בלייבט אין בלאָטע שטעהן זיין וואָגען;
שעלט דער גוי, זיין בייטשעל קנאַלט,
שלעפּט דאָס פערדעל ביז עס פאַלט.

פאָהרט ארויס אַ בעל-עגלה,
וויאקעט, נאָ'קעט — מיט אַ קללה,
צי מיט גוטען — פערדלעך, פאָהרט,
און די פערדלעך, ניט פון אָרט!

## אינגעל ציגעל כוואט

און די אינגלעך, ווי דער סדר,
לערנען ווינטער שפּעט אין חדר,
האָבען זיך געשראָקען שטאַרק
געהן אין בלאָטע דורכ'ן מאַרק.

האָבען מענשען פיעל געטרויערט,
וואָס די בלאָטע לאַנג געדויערט,
וואָס קיין שניי איז ניט צו זעהן ;
און קיין שניי איז ניט געווען.

האָבען מענשען זיך דערשראָקען.
גוים קלינגען אין די גלאָקען,
אידען טיאַפּקענען אין שוהל,
אַז די גרויסע שוהל ווערט פול.

און די אינגלעך פון דעם חדר,
יעדער אינגעל טוט אַ נדר :
— שניי געטרייער, קום שוין קום,
איך וועל ווערען גוט און פרום.

# אינגעל צינגעל כוואט

קויפט א אינגעל ניט קיין בייגעל,
קויפען פליהט ער ווי א פויגעל,
א לאנטערן פון פאפיר,
רויט און לויטערען קאליר.

נו, איז דארט געווען א אינגעל,
האט מען איהם גערופען צינגעל,
צינגעל כוואט. — און צינגעל כוואט
האט קיין מורא ניט געהאט.

ער פלעגט לאכען: א לאנטערן!
כ'האב קיין מורא ניט-פאר בערען,
וועל איך מורא האבען געהן
דורכ'ן מארק ביינאכט אליין?

אינגלעך זיצען, הערען, שווייגען.
אלע ווייסען גוט, אז לייגען
צינגעל כוואט וועט קיינמאל נים,
ער איז דאך ניט יוקעל שמיד!

# II

# בלימעלעך:
# קרענצעלעך:



בלימעלעך, קרענצעלעך מאַלט אויף די שויבען דער פראָסט,
און אין דעם קוימען דער ווינט אַזוי וואָיענדיג בלאָזט, —
גוט איז אונז איצטער ביים פרעהליכען פייער אין הויז!
ביזקעל דער נאָפט אין דעם שטילינקען לעמפעל נעהם אויס.
ביזקעל דער זייגער טוט ברוגז'לעך שעפטשענען: „שפּעט,
ציים שוין צו ליגען אין וויכען, און וואַרעמען בעט." —
וועל איך ביים וואָיענדען בלאָזען אין קוימען פון ווינט
מעשה'לעך, ליעדעלעך זינגען, דערצעהלען מיין קינד.

אין אַזאַ נאַכט האָט אין וועג זיך געלאָזען אַ איד.
אונטער'ן אָרים אַ פּעקעל, טויט-הונגעריג, מיד.

נאָר מיט בטחון אין האַרצען צום האַר פון דער וועלט,
שלעפּט ער זיך עלענד אין אָפענעם שנייאיגען פעלד.

פעלד הינטער איהם און פאָר איהם אין דער ווייט, אין דער בריים,
שניי איז איהם איבער די קניע און דער וועג איז פאַרוועהט.

## בלימעלעך קרענצעלעך

און ווי א פויגעל א ווילדער, טראגט אום זיך דער ווינט,
הורבעט אין שניי, גיט א דרעה אין דער לופט און פארשווינדט,

קומט באלד צוריק, רייסט דעם אידען די פאלעס און בארד,—
קוים מיט די כחות דער איד האלט זיך איין אויפ'ן ארט.

הייבט דער איד אויף צו דעם הימעל מיט רחמים זיין בליק:
גאטעניו, ברייננ דו בשלום אהיים מיך צוריק!

נאר איבער איהם איז דער הימעל א גרויער ווי בליי,
און ארום איהם טראגט דער ווינט זיך א ווילדער און פריי.

הערט ניט דער הימעל דעם אידענ'ס געבעט און געשריי,
שטויסט איהם דער ווינט און ער ווארפט איהם א מידען אין
שניי.

אויפשטעהן פון שניי האט שוין מעהר ניט קיין כח דער איד,
עפעס א פוילקייט א זיסע פילט אין יעדען גליעד.

און אין די ביינער צוגיסט זיך א ווארעמע רוה,
אט אין די איינען פאמעלינקע שליסען זיך צו. —



אין אַזאַ נאַכט האָט אין וועג זיך געלאָזט אַ איד.

# בלימעלער קרענצעלער

פלוצלונג—ער גלויבט זיך אליין נים, א קרעטשמע זאל זיין ?
ס׳שלאגט אין דער נאכט פון א פענסטער א פרעהליכער שיין,

ס׳ריפעט דער ווינט מיט׳ן טויער, מאכט צו, עפענט אויף,
שליטענס געלאדעני מיט סחורות פיעל שטעהען אין הויף.

און ביי די שליטענס פארבונדענע שטעהען די פערד,
עסען דעם האבער און רייסען דעם שניי ביז דער ערד.

פרעהט זיך דער איד וואס דער בורא האט אין אזא נאכט
איהם צו א מענשישען ישוב געבראכט.

קלאפט ער אין טיר, און מען עפענט איהם באלד — ס׳ארא פרייד !
פרעהליכע אידישע פנים׳ער, אידישע רייד.

איבער׳ן שטוב גיסט דער ענג-לאמפ א ליכטיגקייט אוים.
ס׳טראגט זיך א ריח פון טאבאק און בראנפען און שוויים.

גיבען די אידען איהם „שלום" — „פון וואנען א איד ?"
לאכט ער, — אז ער האט געלאזט זיך צו פוס פון יאריד

# בלימעלעך קרענצעלעך

און אז דער ווען איז געווען אביסעלע שווער,
האט ער געבלאנדזשעט ביז ער האט געטראפען אהער.

לאבען די אידען מיט איהם. נאר זיי ווערען באלד שטיל...
יעדערענ'ס הארצען פילט אן א רחמנות-געפיהל,

יעדערענ'ס פנים און שטערען ווערט בטורנע, פארטראכט, —
„ווי לאזט א איד זיך צו־פיס געהן אין אט אזא נאכט ? !"

ווערט באלד דער טיש מיט מאכלים און בראנפען געגרייט,
וואשט זיך צום עסען דער איד, מאכט המוציא אויף ברויט,

זאגט צו די אידען „לחיים" — „לשלום ר' איד."
עסט ער און טרינקט, און א ווארעמע, זאטיגע פריד

גיסט זיך, צוגעהט אין זיין הארץ, אזש דאס לייב ווערט
איהם הייס,
ווישט מיט'ן האנט אזש פון פנים דעם ווארעמען שוויים.

עסט ער און טרינקט און ער עסט, אזש עס געהט שוין ניט
מעהר,
בענשט ער, און ס'שיינט אין זיין אויג א גאטספארכטיגע
טרעהר.



יעדער'ס פנים און שטערן ווערט פארנוצט, פארטראכט, — —
„ווי ראוט א איד זיך צורוה געהן אין אַ אזא נאכט?!"

## בלימעלעך קרענצעלעך

איצטער וואלט ער מיט די אידען געשמועסט ביז שפעט!
אבער עס ווארט און עס ווינקט איהם די פוכאווע בעט,

אבער די ביינער, דערוואָרעמטע, גארען נאך רוה,
און ווי פון זיך זיינע אויגען האלב שליסען זיך צו,

און צו דעם קישען עס ציהט זיך און נייגט זיך דער קאפּ,
פאלט ער אזוי אין די קליידער אין בעט ווי א סנאפּ.

פלוצלונג דערפיהלט ער זיין האלז ווערט צוזאמענגעדריקט,
עמיצער ווארפט זיך אויף איהם, אזש דער אטעם פארשטיקט!

און ער דערזעהט באלד זיין ווייב און די קינדערלעך שטעהן,
ברעכען די הענט, ברעכען אויס אין א ביטער געוויין. —

אי נים געוויינט האט זיין ווייב און זיין לייבליכעס קינד,
נאר איבער איהם אין דעם פעלד האט געוואיעט דער ווינד,

מארגען פריהמארגען, ווען שטיל נאך געשלאפען איז נאט,
זיינען שוין גוים מיט שליטענס געפאהרען אין שטאדט,

## בלימעלעך קרענצעלעך

האָבען די גוים געפונען דעם אידען פאַרזועהם,
האָבען די גוים געפונען דעם אידען שוין טויט.

האָבען די גוים אַרום זיך דעם טויטען צושטעלט,
האָבען זיין פעקעל צופענט, „האַ, האַ, וויפיעל געלט!"

האָבען די גוים זיין טלית און תפילין באַטראַכט.
איינער אַ גוי האָט גאָר גראָב אויפ'ן קול זיך צולאַכט.

אָבער די אַנדערע זיינען געשטאַנען ווי שטום
און נאָכאַנאַנד זיך געצלמ'ט דערשראָקען און פרום.

בלימעלעך, קרענצעלעך טאָלט אויף די שויבען דער פראָסט,
און אין דעם קימען דער ווינט אַזוי וואַיענדיג בלאָזט, —
גוט איז אונז איצטער ביים פרעהליכען פייער אין הויז!
ביזקעל דער נאָפט אין דעם שטילינקען לעמפּעל געהט אויס,
ביזקעל דער זייגער טוט ברוגז'לעך שעפּטשענען: „שפּעט,
צייט שוין צו ליגען אין וויגען, אין וואַרעמען בעט." —
וועל איך ביים וואַיענדען בלאָזען אין קימען פון ווינט
מעשה'לעך, ליעדעלעך זינגען, דערצעהלען מיין קינד.

ביכער פאר שולען און דערציהונג

ארויסגעגעבען פון

# מייזעל'ס פערלאג

## ראזשינקעס מיט מאנדלען

(מעשה'לעך פאר אידישע קינדער)

1. יהודה שטיינבערג

1. שמעון, איך זאל אזוי לעבען.
2. די פארשאלטענע פרינצעסין
3. די געפאנגענע כלה.

פרייז 15 ס.

2. יהודה שטיינבערג

1 א מעשה מיט א פישער
2. דער געשלאגענער אינגעל
3. פליגען שרייבט. — 4. א רוי־ נער געוויסען. — 5. די שולע.

פרייז 15 ס.

3. יהודה שטיינבערג

1. פראגען.—2. שמואל מילנער — 3. א מעשה מיט צוויי ברי־ דער.—4. רויזען און שפאנ־ דען

פרייז 15 ס.

4. יהודה שטיינבערג

1. צוויי באגריען.—2. די ניט פארענטפערטע קשיות. — 3. רא־ חמנות. — 4. א רינג.

פרייז 15 ס.

5. יהודה שטיינבערג

1. חמשה־עשר איבעס. — 2. די מיילען און גרות.

פרייז 15 ס.

6. —

1. ב. רעמי: פינוקע דער גרוי־ סער און פינוקע דער קליי־ נער.
2. ד. טלוצקי: די ערד דרעהט זיך ניט.

פרייז 15 ס.

ש. דובנאוו: אידישע גע־ שיכטע פאר שולע און זעלבסטבילדונג.

באנד I: ביבלישע עפאכע. 256 זייטען. פראכטפאל געבונדען — $1.00

באנד II: מאקאבייאישע און תלמודישע עפאכע — $1.00

באנד III: דער מיטעלאלטער און די נייע צייט $1.00

---

ווארשאווסקי'ס אידישע פאלקסלידער, געב. — — $1.25

" מוזיק צו ווארשאווסקי'ס לידער, בראשירט 60 ס.

---

ה. ליבערמאן: די אידישע רע־ ליגיאן און דער נאציאנאלראַ־ דיקאלער ערציהונג, בראש. 10 ס.

---

ה. ליבערמאן: די אידישע ער־ ציהונג אין אמעריקא, בר. 20 ס.

---

ה. ספענסער: די ערציה־ הונג, גייסטיג מאראליש און קערפערליך, לייוו געב $1.25

---

י. ענטין און ל. עלבע: פון אידישען קוואל, א אידיש לעזעבוך און חרעסטאמא־ טיע פאר שול און הויז, מיט 43 בילדער און פארבען, 306 זיי־ טען; געב. — — — $1.00

---

פאלשטענדיגער קאטאלאג געשיקט פריי.

שולען קריגען א גרויסען ראבאט

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער און ביים פערלעגער

**MAX N. MAISEL, 424 GRAND STREET, NEW YORK.**

# באַלאַדן און לידער